העפטל 27 3 פּענס.

# סעפּטעמבער־מאַטיוון

## האַרבסט- און נעילה-לידער 1942

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן-ווייטשעפּל 1942

---

(ווידמונג)

אַ שוועלבל מיט שוואַכע פליגעלעך,
אויף גאָטס באַראָט איבערגעבליבן,
פּישטשעשנדיק אַזוי, קראַנק בלאָנדזשענדיק,
פון אַ שרעק פּלאַטערדיק געטריבן —

אַז הפקרדיק ליידיק די ביימער,
און די נעסטער פון ווינט צעשאָטן,
און מיט אייגענעם קראַנקן געפּישטש,
דעם רויב־פויגל זיך נאָך פאַרראָטן.

פלאַטערט עס אַ שטילס פון קזשאַק צו קזשאַק
צו פאַרקריכן זיך אין די צווייגן,
און דאָס פּישטשענדיקע געפלאַטער,
אין פליגעלעך אַריין פאַרשוויגן — — —

ווי זיי כאַפּן זיך אויף פול ציטער,
מיט זייער שרעק אַוועקצופליען!
אַז מיט געפלאַטער פון פליגעלעך
צו פאַרפּענטן זיך אַליין באַמיען — — —

ביז דער פרילינג וועט צוריקקומען
ווער קאָן אַזאַ שווייגן אויסהאַלטן!
נישט די קעלט, נישט שרעק פאַר רויב־פויגל —
ס׳געפּישטשע וועט ס׳הערצל צעשפּאַלטן —

— — — — — — — — — — — —

## האַרבסט-לידער 1942

1

### אַ סעפּטעמבער ליד

טראַכט איך פון אונזערע טעג איצט,
פילן זיך די אויגן מיט טרערן;
אַ שוידער גייט איבערן לייב,
פון דעם וואָס קאָן אַצינד ערשט ווערן.

ווי די כמאַרע איבערן קאָפּ
אַלץ גרעסער זי ווערט און אַלץ שווערער,
אַזוי צעוואַקסט פינסטערניש זיך
אַלץ שרעקליכער אין מיר און מערער.

אַ, נישט צו טראַכטן, נישט פילן,
ס'האַרץ ווי אַ שטיין קענען פאַרשטיינען!
איבער איר ביטערן גורל
ס'האַלט גאַנצע וועלט שוין אין איין ווײנען — —

איז נישט ס'וויאַנען פון די ביימער,
דאָס העשען אין ווינדיקן יאָגן
אירע וויעס וואָס גייען אויס,
פון אַזאַ כסדרדיק קלאָגן —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

פונם שוידער איבער איר לייב
גערונצלט קאַלט זי וועט באַלד ווערן,
איבערן געוואַלטיקן גרויל
נישט צו האָבן צומאָל קיין טרערן.

טראַכט איך פון אונזערע טעג איצט,
ווערן געלעמט מיר מיינע גלידער;
וויאַנענדיקער געשאָרך אַצינד
דער ריטם פון מיינע טרויער־לידער.

2

## הארבסט ווינדן

איז עס דער אויפגעשוידערטער דעמב,
אין פאַרכמאָרעטן נאַסן וועטער,
אַ פאַרפינסטערטער צעשאָקלטער,
וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך די בלעטער —

פאַלנדיק אויסגעמישט צו ווערן,
מעגן ווילדע ווינדן זיי טרייבן,
נאָר מיט זיינע וואָרצלען ער אַליין,
אַ פאַרוואָרצלטער קענען בלייבן;

צי דער טאַטע אונטער זיין טלית,
אַן אויפגעשוידערטער אין טרערן,
פונם ציטער פון זיינע ליפּן,
דאָס געשעפּטשע נישט אויפצוהערן:

ס'איז גאַנצע וועלט אַ תפילה אַזאַ,
פון טיפן האַרצן אויסצוווייגען;
קאָנען זיך נישט אונזערע הערצער,
מוז אונזער געוויין אונז פאַראייניגן —
— — — — — — — — — — — —



איז עס פון די בלעטער דאָס געשאָרך,
וואָס וויאַנעט פון די פייכטע צווייגן,
אָדער אַ זיך רייסנדיק געבעט,
וואָס קאָן וויאַנענדיק נישט מער שווייגן?

אָ, ס'איז מיין האַרץ אַ האַרבסט בלאַט אַזאַ,
פון ווילדן שטורעם ווינד געשמיסן,
און פון מיין טאַטנס מחזור אַרויס,
אַ לעצט בלעטל אַרויסגעריסן.

3

## וויאנענדיקע רויזן

(אין וויקטאָריאַ פאַרק אין „בלומען־גאָרטן”)

עס וויאַנען די רויזן פון די צווייגלעך,
נאָר די דערנער בלויז טון איבערבלייבן!
איז עס נישט אַזוי מיטן שלעכטס אין אונז
און מיטן גוטס אין וועלכן מיר גלויבן?

ווי וואונדערלעך הערלעך עס גייט דאָס אויף,
מיט טוליענדיקסטער פרייד פון קאָלירן,
און איז נישט ליכטיקער גלויבן אַזוי
אין טונקלניש פון מענטשענס געהירן?

און וויאַנעט עס נישט בלעטל נאָך בלעטל,
קוים נאָר דאָס רויזל הייבט אָן צייטיקן,
ווי ס'מוז דער מענטש געהייליקט אין גלויבן,
פאַרבלוטיקן אין זיינע ווייטיקן —
— — — — — — — — — — — —

און אפשר זיינען נייטיק דערנדלעך,
אַז אויפגיין ס'זאָלן קענען די רויזן,
אַז נישט איינגעביסן זיי ווערן,
איידער זייערע שיינקייטן ענטבלויזן;

און דאָס וויאַנען פון די קנאָספּן־בלעטלעך
אַז אַלץ גרעסער ס'זאָל אויפגיין דער זוימען,
ווי פון מסירת־נפשדיק גלויבן,
אין די מענטשליכע הערצער דאָס טרוימען.

און איז דאָס נישט גראָד דאָס וואונדערליכע, —
ווי אויף דערנער דאָס הערליכע אויפבליען! —
אין כסדרדיקן פאַרבלוטיקן,
פון גוטסקייט פון גלויבן דאָס אויפגליען —
— — — — — — — — — — — —

## צוויי סאָנעטן

1

אַז דאָס האַרץ זאָל ווערן אַ פּולס מיט פרייד,
קאָן אַזאַ סעפּטעמבער טאָג אַמאָל זיין!
און דאָס וויאַגנען אַזוי וווּנדערלעך שיין —
אין איר לאַנגען געפֿאַלדעוועטן קלייד,

פון קנישטערדיקן, פון מאָרגנעם זייד,
ס'קומט אָן די געליבטע פּלוצלינג צו גיין,
יעטווידער שאָרך אַ טוליעדיק פאַרשטיין,
מיט חלומות וואַכעדיקסטן באַשייד.

דער טוליענער שלייער איבער איר בליק,
איבערן פּנים זי וואַרפט אים צוריק,
אַ וואַרעמע ליכטיקייט ס'נעמט אַרום —

ס'איז דער סעפּטעמבער נעפּל וואָס פאַרשווינדט!
און די טוי־טראַפּן ציטערדיק אין ווינט —
שנירלעך פּערל אין דעם מאָרגנעם זשום.

2

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

כ'מאַך צו מיינע אויגן, אַז כ'זאָל נישט זען,
דאָס ווילדע געצוק פון באַיאָנעטן — — —
אויף אַ רגע כאָטש געוואָלט מיך רעטן,
פון דעם בלוטיקן רציחישן געשען.

און איז דען דאָס נישט אַלעמאָל געשען?
און אונטער קרענץ פון זיי'רע סאָנעטן
ס'האָבן זיך דאָך באַהאַלטן פּאָעטן
און אין זיך דאָס וווּנדערלעכסטע דערזען?

אָבער נאָך ווילדער, שווידערלעכער נאָך,
וואָס כ'זע מיט פאַרמאַכטן פינסטערן בליק:
אָ, דאָס געפּאָכע אַהין און צוריק!

ס'איז גאַנצע וועלט שוין דאָס וווּנדיקע לאָך,
פאַרבלוטיקט אין נקמהשן אָן־ענד — — —
און ס'מעסער אין מיינע אייגענע הענט!



## נעילה־לידער 1942

* * *

אַז פאַרלוירן חלילה דער קאַמף,
מיר אַלע וועלן די שולדיקע זיין,
און אין מבול פון פאַרגאָסענעם בלוט
די געבליבענע וועלן אונטערגיין —

דאָס שלעכטע נישט פּאַרטיליקן קענען,
מוז מען שוין ווערן פאַרטיליקט אַליין!
וואָס איז רשע דעמלט, וואָס איז צדיק,
אַז דאָס רשעות בלויז וועט בלייבן באַשטיין?

אָדער אפשר אין זיין אייגענעם בלוט,
ס'טובלט זיך דער מענטש ערשט לויטערדיק ריין,
און דעם אונטערשיד צווישן גוטס און שלעכטס
מיט אויסגייענדיק האַרץ ערשט צו פאַרשטיין?

## פּתח לנו שער

אַז קיין ארון־קודש איז נישטאָ,
מיט געשרייען אים אויפצורייסן,
זיינען דאָך געטאָ־מויערן פאַראַן
און ליפּן בלוטיק צו פאַרבייסן:
פּתח לנו שער — —
העלפן גראָדזשענדיקע פויסטן נישט?
און מיט קעפּ אין ווענט נישט אפילו?
איז מיט ציטערדיקער האַנט אין האַרץ
אויסצוקלאַפּן די ווערטער די שטילע:
פּתח לנו שער — —
און איז קיינער אין ערגעץ נישטאָ,
וואָס זאָל פאַרציטערט דערפון ווערן,
זאָלן מיר זיך כאָטש אין לעצטער שעה
איינער דעם אַנדערן דערהערן:
פּתח לנו שער — —
געפאַנגענע אין תפיסה־צעלן,
וואָס קלאַפּן זיך גלויביק צוזאַמען!
ס'גייט דער וועכטער פינסטער אַרום זיי,
ווען די הערצער ליכטיק צעפלאַמען:
פּתח לנו שער — —
מיר טאָרן נישט און מיר וועלן נישט
אין אונזער טרויער איצט פאַרקומען:
„הייליקייטן" איינגעשלאָסן —
מ'וועלן ווערן אַרויסגענומען — — —
פּתח לנו שער — —

## א נעילה תפילה פאר די געטא-טויערן

ווער למיתה שוין לאַנג אָפּגעקומען — —
ווער צום לעבן איז איבערגעבליבן — — —
אָ, און וואָלט נישט יעדער איינער פון אונז
דעם שווערסטן טויט ליבער אויסגעקליבן ?

אַז יעדע רגע אַ חלף איבער האַלדז,
דעם לעצטן שחיטה־שניט צו געבן —
ס׳איז אונזער איינציקע האָפענונג נאָך,
אויסהאַלטן צו קענען דאָס שווערע לעבן !

כסדר דאָס מוטשען זיך און דאָס וואַרטן,
אַ וואָרעם זיין און ווערן צעטרעטן ! — —
קוקן דעם לעבן קאַלט אין די אויגן,
און אויפן דערלייזער־טויט צו בעטן.

אָ, די תפילה „זכרנו לחיים“ — —
און „אַלצדינג און יעדן צו פאַרגעבן“ —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

אָבער אומשטאַרבלעך צו קענען בלייבן,
שווערער ווי דער טויט מוז זיין דאָס לעבן !

יעטווידע רגע לעצטער גראַנגעל,
יעדער אָטעם־צוג שווערער אויפצאַפּל,
אַז אָן־אויפהער אין אַלע אייביקייט
צו גיין אַזוי פון שטאַפּל צו שטאַפּל.

און איז גרעסערער נצחון פאַרהאַן,
ווי דאָס רשעות קענען איבערלעבן !
און ווען נקמה איבערן רוצח,
קאָן עס דען גרעסערס דען געבן ?

ווי דאָס שווערסטע קענען איבערטראָגן ?
ווי מיט לעצטע כוחות אויסצוהאַלטן ?
און אַז דער טראָפּן גוטס, אַז ר׳איז פאַראַן,
דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ קאָן ער שפּאַלטן —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און זאָל אפילו די פאַרגליווערטע צונג
צום טרוקענעם גומען זיך צוקלעבן :
„זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים“,
און אַלצדינג און יעדן זאָל זיין פאַרגעבן.



## וואהין ס׳געוויין פון אונזערע הערצער

אַז וואַהין ס׳געוויין פון אונזערע הערצער,
וועלכע אויערן וועלנ׳ס דען דערהערן ?
זיינען נישט ווי ס׳בחנם פאַרגאָסענע בלוט
פון די אויגן אונזערע די טרערן ?

אַז וואַהין ס׳געשריי פון אונזערע מיילער,
און וועלכעס האַרץ וועט עס דען פאַרנעמען ?
נישט נאָר פון רבי עקיבא — פון אונזער גאַנץ פאָלק
מיר שפּירן איצט דאָס אייזערנע קעמען !

אָ, צען מיליאָן עשרה הרוגי מלכות
מיט כל מיני מיתות אויסצוראָטן,
און אונזער טויזנט יאָריק מי און מאַטערן
נאָר אַ שפּילכעל בלויז פאַרן שטן.

אָ, און אונזערע פאַרוויסטע שטעט און שטעטלעך
אויפגעגאַנגען אין טויט און אין פלאַמען ;
און ווער פון אונז דאָ האָט דען נישט דאָרטן
אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ טאַטן, אַ מאַמען ?

וואַהין דאָס געוויין פון אונזערע הערצער,
וועלכע אויערן וועלנ׳ס דען דערהערן ?
איז נישט נקמה נאָך דאָס איינציקע
אַז אומזיסט פאַרגאָסן בלוט זאָל געשטילט ווערן ?

וואַהין ס׳געשריי פון אונזערע מיילער,
וועלכעס האַרץ וועט עס דען פאַרנעמען —
— — — — — — — — — — — —

אין דער גרויסער דערבאַרמונג אין אונז אַליין
ס׳מוז זיך דעם רוצח׳ס האַרץ פאַרקלעמען — —

אין אַזאַ געגנאָד גרעסער נאָך ווי נקמה
די הענט פון ווילדן אכזר צו לעמען,
אַראָפּלאָזנדיק זיינע רציחה־אויגן
פאַר זיין טויטן קרבן צו פאַרשעמען —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

יאָ מיטן טויט פון אונז׳רע קדושים
די שיינקייט פון די שטעטלעך מ׳וועט זיך דערמאַנען,
און פון די געבליבענע גראַטעוועטע —
אַז אַ הילף פאַרן מענטש ס׳איז פאַרהאַנען.

## די שוואַכסטע פון די שוואַכע

### III

איז דאָך גוט אַז מיר זיינען די שוואַכסטע פון די שוואַכע,
אַז נישט אויסגעלאָשן ס׳זאָל ווערן דער גלויבן אין מענטש;
ליגנדיק שוין אונטער דער שווערט, דער אויסגעצויגענער,
זאָלן נאָך זיין אונזערע ליפּן פולע מיט געבענטש.

איז ער דאָך בלוטיק דער מענטש, נקמהדיק און פול האַס,
און סלינעט תאווישׁ ווי אַ חיה דערשמעקענדיק בלוט;
און שלאַנגיק־הינטערווילעכטס אַזוי, חניפיש־כיטריש,
ס׳איז דאָך זיין הייליקייט און דאָס גוטע נאָר וואָס ער טוט.

די שעפּטשעדיקע טענה צומאָל פונם באַ׳עוולה׳טן, —
דאָס איינציקע נעבעכדיקע נאָך וואָס דער שוואַכער האָט! —
מיט זיין שאַרף מעסער ס׳רייסט עס דער רוצח מיט־אַרויס,
הילכיק עס אויסצושרייען מיט זיין עזותדיקן שפּאָט.

און דאָס נידעריקסטע דערפון, דאָס באַשעמטע דערין,
וואָס אַזוי איז ער דער מענטש און אַזוי וויל ער אויך זיין;
העכער וועלן זיין פון איינעם איבערן אַנדערן,
איז דאָס טיפסטע פון זיין האַרץ און ס׳טיפסטע פון זיין פאַרשטיין.

דער נעבעכדיקער מענטש, דער שטאַרקער איבערן שטאַרקן — —
ס׳רינען צוזאַם זיי׳רע בלוטן אין איין גליוועדיק שטיק!
און איבערן טיפן תהום פון איינעם צום צווייטן,
אַראָפּצופאַלן פון דער ציטריק שווינדלדיקער בריק —

אַז אַזוי איז ער דער מענטש און אַזוי מוז ער אויך זיין,
אפילו אויף זיין גאַנג צומאָל צו גאולה און דערלייז!
אָ, ס׳איז דאָס סליניש־תאווישע, דאָס בלוטיק אין אונז
דאָס גליטשיקע שטרויכלניש אין וועג און דער בייזער גרייז —

אַז דער מענטש זאָל קאָנען פאַלן אויף די קני אין געבעט,
מוז ער צוערשט האָבן אַ תליה פאַר וועם אויפגעשטעלט!
איז דאָך גוט אַז מיר זיינען די שוואַכסטע פון די שוואַכע
אַז נישט פאַרלאָשן ס׳זאָל ווערן דער גלויבן אין דער וועלט.

און אַז געקוילעט מיר ווערן, געשאָכטן אומעטום — —
קוילען זיך נישט אַלע מענטשן בחנם אַצינד אויס?
אָ, זאָל דאָך אויפגיין אין אונז, ווי נקמה און ווי האַס,
אַ דערבאַרעמדיקע געגאָד אַזוי וואונדערלעך גרויס.

ערב יום כפּור, תש״ג.

---

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי 131־129 קאַוועל סט., א.1.